בס"ד

# עונג שבת

## פרשת צו תשס"ד

גוט שבת אלע אידן. אין תשנ"ה האט אגודת ישראל געמאכט א דינער לזכר דעם 50 יאר נאך די באפרייען פון די לאגערן נאך די צווייטע וועלט מלחמה. ביי דעם דינער האט גערעדט ר' יוסף פרידענזון, דער רעדאקטאר פון דעם מאגאצין "דאס אידישע ווארט." ר' יוסף האט פארציילט די פאלגענדע מעשה וועגן זיין צייט אין די שרעקליכע מלחמה יארן, בפרט אין די טעג פון דעם הייליגען יום טוב פסח.

נאכדעם וואס ער איז געווען איינגעשפארט אין אסאך פארשידענע לאגערן, איז ר' יוסף אין תש"ג געשיקט געווארן צו א לאגער אין סטראראטשאוויץ, פולין. דארט אין יענע לאגער זענען די אידן געצוואונגען געווארן צו ארבעטן אין א אייזען פאבריק. ר' יוסף איז דעמאלט געווען א אינגערמאן פון 20 יאר אלט. פארשטייט זיך אז די גאנצע ציל פון דעם פאבריק איז געווען צו מאכן באמבעס וכדו'. די אידן אין יענע לאגער וואו ר' יוסף האט זיך געפינען האבן גאר שטארק געליטן אינטער דעם שטארקען האנט פון די דייטשע רשעים ימ"ש.

כאטש אפילו די וועג פון די דייטשע איז געווען צו פייניגען די אידן ווי מער, עס איז געווען אבער איין דייטשער אין די לאגער וואס האט באהאנדעלט א טראפ בעסער מיט די אידן. יענער דייטשער האט געפירט דעם פאבריק. זיין גוטקייט איז געווען אז ער האט געגעבן די אידן אביסל מער צו עסן, און ער איז געווען אביסל לייכטער מיט די אידישע ארבעטערס וואס האבן נישט געענדיגט זייער ארבעט צייטליך.

ווען ר' יוסף איז שוין געווען אין יענע לאגער א שטיק צייט, איז אנגעקומען א איד, א ווייך סוחר א גערער חסיד פון קראקא. דער איד האט געהייסן עקיבא גאלדסטאף (זיין עכטע נאמען). עקיבא איז געווען א שטארקער איד. אפילו ער איז געווען מוראדיג אויסגעמוטשעט און שוואך, האט ער ארייגעלעגט אלע כחות אין דינען דעם אויבערשטען. למשל, פאר זיין ערשטע שבת אין יענע לאגער, האט ער שוין ארגאנאזירט א מנין פאר קבלת שבת אין לאגער!

עקיבא און יוסף זענען געווארן נאנטע ידידים אין לאגער. זיי האבן געלערנט צוזאמען וויפיל עס איז געווען שייך, און זיי האבן מחזק געווען איינער דעם צווייטען.

עטליכע וואכן פאר פסח, האט עקיבא גערופן יוסף צו דעם זייט און ער האט אים געפרעגט שטילעהייט, "איך טראכט אז מיר זאלן בעטן פון דעם דייטשען מנהל פונעם פאבריק 'הער פאפע' אויב ער וועט אונז לאזן באקען מצות פאר יום טוב!"

יוסף איז געווארן ערשטוינט פון עקיבא'ס עזות דקדושה, אבער ער האט נישט געגלייבט אז דער דייטשער וועט זיי לאזן טון וועלכע אידישע זאך. אפילו ער איז געווען אביסל בעסער ווי די אנדערע ווילדע רוצחים, פארוואס זאל ער זיי לאזן באקען מצות?

"דו דארפסט זיין משוגע!" האט יוסף געזאגט פאר עקיבא, "הער פאפע איז געווען שיין מיט אונז אין עטליכע מצבים, אבער ער וועט אונז קיינמאל נישט לאזן האבן אזא לוקסוס!"

"איך בין עלטער ווי דיר," האט עקיבא געזאגט, "הער צו, איך גלייב אז ער וועט אונז אויסהערן." נאך א שטיקל ויכוח צווישען יוסף און עקיבא, האט יוסף מסכים געווען צו גיין מיט עקיבא צו דעם הער פאפע צו בעטן רשות צו באקען מצות.

ווען הער פאפע האט געהערט זייער בקשה, ער איז געווארן איבעראשט. "צו דען האט איר נישט קיין אנדערע דאגות? און איר טראכט נאר פון דעם (ד"ה היטן די תורה?)"

"יא," האט יוסף געזאגט. "[נאר] וועגן דעם זענען מיר אינטערעסירט, און עס וואלט געווען פאר אונז א גרויסע טובה, טאמער איר וואלט אונז געגעבן רשות."

הער פאפע האט עס דורכגעטראכט עטליכע סעקונדעס און דאן האט ער זיך אנגערופן און געזאגט, "בסדר. טאמער איר קענט פארשאפן מעל, גייט געזונטעהייט! רעדט מיט די פוילישע ארבעטערס וואס האבן אחריות אויף די שמיט'ס אויבען און זאג פאר זיי אז איך האב געגעבן רשות." "אבער," האט יוסף געזאגט, "מיר האבן נישט קיין מעל."

פונקט דעמאלט איז עס "אויסגעקומען" אז א פוילישער פאבריק ארבעטער איז געקומען בעטן פון הער פאפע א פאר טעג פרייהייט פונעם ארבעט. (פוילישע גוים האבן אויך געארבעט אין יענע פאבריק.) הער פאפע האט געהאט דעם כח צו לאזן ארבעטערס פארלאזן דעם ארבעט אויף א פאר טעג. הער פאפע האט אויך גענומען שוחד פון די פוילישע ארבעטערס. געווענטליך איז דער שוחר דעמאלט געווען פלייש, פיטע, און אנדערע עסענווארג. כאטש אפילו הער פאפע איז געווען דער מנהל, איז עס שווער געווען צו פארשאפן געוויסע מיני עסן אין די מלחמה יארן. הער פאפע האט געזאגט פארן פוילישען גוי, "דו ברענגסט מיר א "קילו" (אביסל מער ווי צווי פונד) פון פיטע, און א קילו פון מעל, און דעמאלט קענסטו האבן אפאר טעג מנוחה.

דער פוילישער ארבעטער האט מסכים געווען, און א טאג שפעטער זענען יוסף און עקיבא ארייגערופן געווארן צו הער פאפע'ס אפיס. דארט אין די אפיס האט הער פאפע איבערגעגעבן באהאלטענערהייט די מעל. די צוויי אידן האבן שטארק באדאנקט דעם דייטשען. זיי זענען אבער נאך נישט געווען אינגאנצען זיכער אז זיי וועלן קענען באקן מצות, ווייל זיי האבן געוואוסט אז הער פאפע קען טוישן זיינע מיינונג יעדע רגע, ווייל בעצם איז ער געווען א רשעותדיגער דייטשער. וועגן דעם זענען זיי געגאנגען מיט גרויס זריזות צו באקען די מצות.

מיר לערנען וועגן זריזות אין די היינטיגען סדרה. אזוי ווי עס שטייט אין די תורה "צו את אהרן ואת בניו וכו'" (ויקרא ו,ב) דער בעל הטורים זי"ע איז מסביר לויט די גמרא (קידושין כט.) אז דער פסוק קומט אונז צו לערנן ווי מען דארף האבן זריזות ביי תורה און מצוות, ווייל "צו" איז א לשון פון זירוז. (עיין רש"י) זריזות מיינט אז מען לויפט צו טון דעם רצון פונעם רבש"ע.

זריזות איז שייך סיי ווען עס קומט צו טון מצוות סיי ווען מען טוט גשמיותדיגע זאכן, למשל עסן און אויפשטייען אינדערפרי. ווייל טאמער איינער איז צו מאריך אין גשמיותדיגע זאכן, שטערט עס אין עבודת ה'. דא איז אויך דאס פלאץ צו דערמאנען אז, בעסער זאל מען זיך יאגן ביים אויפשטייען אינדערפרי, ווי זיך צו יאגן ביי דער תפילה.

זריזות איז גאר א חשובע מידה אין עבודת ה', ווייל זריזות איז די אנהייב פון אלע מצוות. אן זריזות קען מען נישט טון קיין מצוות. דער הייליגע תנא רבי פינחס בן יאיר ע"ה זאגט, אז זריזות איז דער אנפאנג פון אלע מידות טובות, למשל: קדושה, טהרה, חסידות, וכו'. (סוטה ט,יד) איז לאמיר יעצט צוריקגיין צו אונזער מעשה וואס ווייזט ווי אידן אין די שווערסטע מצבים האבן זיך מזרז געווען צו מקיים זיין דעם אויבערשטענ'ס הייליגע תורה.

עטליכע פרויען אין די לאגער, מיט יוסף'ס פרוי אויך, האבן געקנעטען דעם טייג פאר די מצה און נאכדעם האט מען עס ארייגעלעגט אין דעם שמיט'ס אויבען וואס האבן געברענט ביי דער 2000 דעגריס! (זיי האבן נישט געדארפט כשרן די אויבען, ווייל זיי זענען קיינמאל נישט געניצט געווארן פאר עסן, נאר פאר אייזען.) די לופט איז באלד געפילט געווארן מיט דעם ריח פון מצות באקען. פאר די צובראכענע אידן אין לאגער, איז דער ריח געווען דעם ריח פון גן עדן ממש.

ווען הער פאפע איז ארייגעקומען דעם ערשטען טאג פסח, ער האט באמערקט אז די אידן עסן נישט די ברויט וואס מען טיילט יעדען טאג. נאר, די אידן האבן געגעסן מצה! פאר א סיבה וואס איז נישט אזוי קלאר, איז הער פאפע פלוצלינג צוהיצט געווארן. (אפשר האט ער געטראכט אז דורך דעם וואס די אידן האבן נישט געגעסן ברויט, וועלן זיי אפגעשוואכט ווערן און דעמאלט וועלן זיי נישט קענען ארבעטן אזוי שווער. אדער, אפשר איז ער סתם געווען א רשע.)

"אייער ג-ט האט אייך פארלאזט, און איר זענט נאך אלץ געטרייע צו אים?!?" האט הער פאפע געשריגן. דאן האט הער פאפע ארומגעקוקט דעם שטוב און גערופן צו יוסף זאגענדיק, "פרידענזון! עס דיין ברויט אדער גייסטו שטארבן!" יעדער איינער איז געבליבן שטיל. הער פאפע איז אריבערגעגאנגען צו עקיבא און ער האט געזאגט צו אים "צו דען האט דיין ג-ט אייך נישט פארלאזט?"

עקיבא, שטייענדיק שטאלץ גרייט צו מקבל א שטראף, האט געענטפערט רוהיגעהייט, "נישט אינגאנצען, און נישט אויף אייביג..." די ווערטער זענען געהאנגען אין די לופט. הער פאפע איז געווארן איבערגענומען, ער האט נישט געקענט משיג זיין דעם געטריישאפט פון די אידן, וואס האבן געגלייבט אין דעם אויבערשטען דורך אלעס וואס זיי האבן געליטן. "נישט אינגאנצען?" האט הער פאפע נאכאמאל געשריגן הויך.

"איר האט אונז געלאזט באקן מצות, נייך?" האט עקיבא געזאגט. הער פאפע איז אוועקגעגאנגען און ב"ה יוסף און עקיבא האבן דורכגעלעבט די מלחמה. ר' יוסף וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווי זיי האבן געבאקן מצות אין דעם פאבריק פונעם לאגער. אלעס איז וועגן זייער זריזות צו מקיים זיין דעם אויבערשטענ'ס הייליגע תורה.

פסח איז א צייט ווען זריזות איז נאך מער וויכטיג, בפרט ווען עס קומט צו באקן מצות. אפילו נישט יעדער איינער איז זוכה צו באקען מצות, קען מען נאך אלץ אפלערנען פון דעם זריזות וואס מען זעט ביי באקען מצות. דורך דעם קענען מיר אלע נתעורר ווערן צו טון אלע מצות מיט זריזות דעם גאנץ יאר. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר יעקב יוסף בייער הי"ו לרגל שמחת לידת בנו

לע"נ ר' שלמה זאלקא בן ר' ישראל ע"ה • נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא, מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, ודוב בן רחל בתוך שאר חולי ישראל

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו** (שבת קיח:) **לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**